# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:11
מוצאי שב"ק......................9:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................... ישעיה סד-סה
בבלי.................. בבא בתרא יא
ירושלמי.................. פסחים מט
תוספתא.................. מנחות יא
רמב"ם.............. בית הבחירה א

פרשת קרח, ל' סיון, א' דראש חודש תמוז, אבות פרק ד', שנת תשפ"ד לפ"ק | שנה 13, גליון 38 (656)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְיִלָּווּ עָלֶיךָ וִישָׁרְתוּךָ

מֶען זָאגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זִי"עַ אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל; אַז עֶר מוּז נָאךְ מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים מְגַלֶּה זַיין וֶוער דֶער תַּלְמִיד חָכָם אִיז, הָאט מֶען אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז אִין בְּרָאד אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל פוּן בְּרָאד [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן חַכַם צְבִי, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוֶוען] אוֹיךְ הָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל תְּבוּאוֹת שׁוֹר, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי דַארְף עֶר מְשַׁמֵּשׁ זַיין. [אֵיין נוּסַח אִיז אַז נָאר דֶעם רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל זצוק"ל דַארְף עֶר מְשַׁמֵּשׁ זַיין].

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אוּן דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְגֶעדַארְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּלוּט אִין זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג קַאלְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ אִין חוֹדֶשׁ תַּמּוּז וָואס אִיז זֵייעֶר הֵייס, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט אַ פֶּעלְץ, אוּן מִיט אַ דָאכֶענֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, קוּמְט אַרַיין צוּ אִים, פְרֶעגְט עֶר דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, וָואס וִויל אַ אִיד? [וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ,] עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; אִיךְ וִויל מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם! זָאגְט עֶר אִים דֶעמָאלְטְס הֵייץ מִיר אָן דֶעם אוֹיוְון, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט הָאלְץ אוּן אָנְגֶעהֵייצְט, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן שְׁטַארְק הֵייס, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם פֶּעלְץ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעזֶעהְן דֶעם שְׁטַארְקְן הִיץ, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, וֶוער אִיז דָא גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיוְון?! עֶס קָאסְט דָאךְ מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אוֹיף וִוינְטֶער דַארְף מֶען דָאס הָאבְּן, וַוייל אוֹיף זוּמֶער אִיז גֶענוּג דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיטְן טִילוּפּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, וַוייל וִוינְטֶער אֲפִילוּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע וֶועט נָאךְ אוֹיכֶעט קַאלְט זַיין. אוּן זִי נֶעמְט אוֹיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי אֶפְרָיִם צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; "הָאט נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת", אוּן זָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין הִימְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, אַז מֶען וִויל דַן זַיין אֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ', אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערְן בְּנֵי בַּיִת, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע זְכוּתִים פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאט גֶעדוּלְד, כָאטְשִׁיג זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, אוּן דָאס אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען, אַז מֶען הָאט אִים גֶע'פַּסְקְ'נְט, אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן אַ מַלְאָךְ אוּן שְׁרֵייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד זְכוּת? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דֶעם אִיד, אוּן גֶעזָאגְט, אַז דִי אַלֶע לִימוּד זְכוּתִים זֶענֶען גֶערֶעכְט, זָאל נָאר דֶער מַלְאָךְ אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטְן, אוּן הָאבְּן אַ וַוייבּ, אוּן לָאמִיר זֶען דֶעמָאלְטְס וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן! אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין אַ גוּף, אָבֶער עֶר אִיז נָאכְדֶעם גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן, [יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט גָארְנִישְׁט, וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר אִיז] אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט גֶטְ'ן ווִילְסְטוּ זִיךְ?! זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין אֵיין שְׁוֶוער שְׁטוּבּ. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים וְכוּ', דֶעם סִיפּוּר הָאט דֶעמָאלְטְס רֶבִּי אֶפְרָיִם דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זִי"עַ.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, אוּן אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיי גַשְׁמִיוּת אוֹיךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיכֶעט זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פוּנְדַאמֶענְט פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת

דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם גוּטְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען קוּקְט גוּט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען הַאלְט פוּן אִים, מֶען זוּכְט נִישְׁט נָאר וואוּ עֶר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן, וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

יֶעדֶער מְחַנֵּךְ קֶען דָאס זֶען מִיט קִינְדֶער; פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין מִיט דֶעם תּוֹרָה, זוּךְ אִין אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים עֶפֶּעס גוּטְס, וֶועלְן זֵיי אַלֶע וֶוערְן גוּטֶע אִידְן.

אַסַאךְ מָאל טְרַאכְטְן עֶלְטֶערְן, דֶער זוּן אִיז אַ חָשׁוּבֶ'ער אִינְגֶערְמַאן, דֶער זוּן אִיז אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער דֶער דְרִיטֶער זוּן אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעוָואלְט עֶר זָאל זַיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי עֵצָה אִיז אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן פוּן אִים, דוּ וֶועסְט קוּקְן אִין אִים גוּט, גֵייט עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וֶוערְן גוּט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

חוֹדֶשׁ תַּמּוּז דַארְף שׁוֹין גֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל קִיצְל אִין דִי בֵּיינֶער; דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, תַּמּוּז אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: זְ'מַנֵּי תְּ'שׁוּבָה מְ'מַשְׁמְשִׁין וּ'בָאִין, עֶס קוּמְט שׁוֹין אֱלוּל, מֶען פָארְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן נָאכְאַמָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֶעגְן 'וִוי הַאלְט אִיךְ מִיט מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? שְׁמִירַת הַמֹּחַ וְהַמַּחְשָׁבָה? וִוי הַאלְט אִיךְ מִיט בִּיטוּל זְמַן, וִויפִיל צַייט עֶסְט מִיר דִי טֶעלֶעפָאן אוּן דִי קָאמְפִּיוּטֶער אוֹיף?'

אֶפְשָׁר דָאךְ, אוּלַי יָחוּס? אוּלַי יְרַחֵם? נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי טֶעלֶעפָאן - נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט אִין קַאר, נָאר אִין אָפִיס בַּיי דִי אַרְבֶּעט; טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַרִיבֶּער דִי יָאר, וִויפִיל שָׁעוֹת הָאסְטוּ פַארְבְּרֶענְט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן - מִיט קוּקְן דִי נַייעֶס? מִיט קוּקְן זִינְגֶערְס אָנֶא בֶּערְד זִינְגֶען אוּן וַוארְפְן זֵייעֶר קֶערְפֶּער? וִויפִיל צַייט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר קוּקְן וִוי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן? לָשׁוֹן הָרַע, לֵיצָנוּת, אָפְּגֶערֶעדְט גִלּוּי עֲרָיוֹת שְׁפִיכוּת דָמִים?

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ד)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וֶוער קֶען פַאַרְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אִין יְשִׁיבָה; אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן זִיךְ לִיב – שְׁפִּירְט מֶען מַמָּשׁ וִוי דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה – 'וָאֶרְאֶה אֶת ה'', מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט עֶס מִיט דִי אוֹיגְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר אֵיינֶע פוּן דִי אַפִּיקוֹרְסִים אִין אוּמַאן: "וְאֶרְאֶה אֶת ה', אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בִּיז מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קע): "עַל יְדֵי הַיִּסּוּרִין נִכְנָע גּוּפוֹ", דוּרְךְ יְסוּרִים וָואס מֶען לַיידְט – וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶעניִגְט דִי גוּף, "וּכְשֶׁנִּכְנַעַת הַגּוּף עַל יְדֵי הַצָּרוֹת", אוּן וֶוען דִי גוּף וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶעניִגְט - "עַל יְדֵי זֶה מְאִירָה", הוֹיבְּט זִי אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (שְׁלַח, קסח): "אָעָא דְּלָא סָלֵק בֵּהּ נוּרָא", אַ קְלָאץ וָואס צִינְדְט זִיךְ נִישְׁט אָן – "מְבַטְשִׁין לֵהּ" צֶעהַאקְט מֶען אִיר, "גּוּפָא דְּלָא סָלֵק בֵּהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִי נְשָׁמָה צִינְדְט זִיךְ נִישְׁט אָן, צֶעקְנַאקְט מֶען אִים, בִּיז דִי נְשָׁמָה הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן. דָאס קֶען מֶען אַריינְלֵייגְן אִין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, דִי תּוֹרָה זָאגְט, וִוי אַזוֹי הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי מְנוֹרָה? "מִקְשָׁה זָהָב" (בַּמִּדְבָּר ח, ד), זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'מִקְשָׁה') 'אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט', מֶען הָאט גֶעקְלַאפְּט, גֶעהַאקְט אוּן גֶעשְׁנִיטְן – בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מְנוֹרָה וָואס שַׁיינְט אוּן לַייכְט; אַזוֹי אִיז מִיטְן מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי הוֹיבְּט אָן דִי נְשָׁמָה שַׁיינֶען? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן דָאךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מַאכְט שַׁיינֶען.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן מֶען ווִיל פַאַרְשְׁטֵיין 'פַארְוָואס?' זָאל מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא. אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ צַדִּיקִים דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער, זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, הָאבְּן דִי צַדִּיקִים גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר דִי וֶוערְטֶער: "וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא..."

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען אַ טַייעֶרֶער אִיד אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אַ שִׂמְחָה אוּן בַּיים סוֹף אִיז דָאס קִינְד גֶעבּוֹירְן נִישְׁט לֶעבֶּעדִיג. עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אוּן בֶּעטְן חִיזּוּק, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן? אַז דָאס קִינְד אִיז אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִיזּוּק - נִישְׁט פַאר אִים אוּן נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁרַייבּ מִיר יֶעצְט דִי בְּרִיוו אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט דִי זַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן אֵיין וָוארְט, וָואס דִי וָוארְט וֶועט דִיר גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת... אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן 'וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא... ?'"

דִי וֶוערְטֶער גֶעבְּן כֹּחַ, דִי וֶוערְטֶער שְׁטַארְקְט דֶעם גָלוּת אִיד שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר אִין גָלוּת מִיט אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין טָעוּתִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא'.

דִי לֶעצְטֶע פָאר טֶעג אִיז דָא בַּיי אוּנְז שְׁרֶעקְלִיכֶע הִיצְן, מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן; נָאר אֵיין זַאךְ קֶען אָפְּקִילְן דִי הִיצְן - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

דִי וָואךְ גֵייעֶן מִיר מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן דָאנֶערְשְׁטָאג מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא; זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ מִיט, קִיל זִיךְ אָפּ פוּן דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע הִיצְן, דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ד)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד; מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ רוּפְט אָן דֶער תּוֹרָה אַז דָאס אִיז דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידוּת! אוּן דָאס דַארְפְן מִיר חַזֶר'ן אוּן חַזֶר'ן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט יֶעדְן טָאג פְרִישׁ, עֶר הֵייבְּט אָן אוֹיסְצוּפַּאקְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, אַבִּי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיין פַאלְן אִין אַ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ גֵיי זוּכְן גוּטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וִוי וַוייט מֶען אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער – זָאגְט דֶער רֶבִּי - דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט אַ גַאנְצְן טָאג, דָאס אִיז נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, דִי אִיבְּרִיגֶע חֵלֶק טָאג דַארְף מֶען זוּכְן אִין זִיךְ גוּטְס, וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיךְ.

### וָואס אִיז דִי חוֹזֶק?

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"ש וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא סִימָן ב): קֹרַח הָאט אָנְגֶעטוּן אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיט בְּלוֹיֶע טַלִּיתִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "מִיר דַארְפְן נָאךְ אַרוֹיפְלֵייגְן אַ בְּלוֹיֶע בֶּענְדְל?" הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז אַ קְלֵייד וָואס הָאט פִיר עֶקְן דַארְף מֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אַ בְּלוֹיֶע בֶּענְדְל", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק צוּ מַאכְן: "אוֹיבּ אֵיין בְּלוֹיֶע פָאדֶעם קֶען פַּטֶר'ן אַ גַאנְצֶע צִיצִית, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ 'טַלִּית שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת', אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע צִיצִית אִיז בְּלוֹי – דַארְף עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַ בְּלוֹי בֶּענְדְל..." נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "אוֹיבּ אִיךְ פִיל אָן אַ 'בַּיִת מָלֵא סְפָרִים', אַ גַאנְצֶע הוֹיז מִיט סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִלִּין אוּן מְזוּזוֹת, דַארְף אִיךְ נָאךְ לֵייגְן אַ מְזוּזָה בַּיים טִיר?" זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "יָא!" הָאט עֶר וַוייטֶער חוֹזֶק גֶעמַאכְט: "אוֹיבּ וֶוען מֶען הָאט אַ גַאנְצֶע פַּאלַאץ אָן קֵיין אֵיין סֵפֶר, קֶען אֵיין קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל פַּארְמֶעט, אַ מְזוּזָה, פַּטֶר'ן דִי גַאנְצֶע פַּאלַאץ, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען מֶען פִילְט אָן אַ גַאנְצֶע הוֹיז מִיט סְפָרִים – דַארְף עֶס שׁוֹין נִישְׁט קֵיין מְזוּזָה..." אַזוֹי הָאט עֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט, וָואס אִיז דִי חוֹזֶק? אַזוֹי אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה! נָאר זַיין טַעֲנָה אִיז גֶעוֶוען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט קְלֵיינִיגְקֵייטְן, מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, הָאט קֹרַח חוֹזֶק גֶעמַאכְט: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אֵיין בְּלוֹיֶע פָאדֶעם? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אֵיין קְלֵיינֶע מְזוּזָה? מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גַאנְצֶע פְלַאקֶער, מִיט דִי גַאנְצֶע בְּרֶען, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ טַלִּית וָואס אִיז כּוּלוֹ תְּכֵלֶת, אִינְגַאנְצְן בְּלוֹי, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ אָנְגֶעפִילְטֶע הוֹיז מִיט סְפָרִים!

אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לֶערְנְט אוֹיס, עֶס אִיז אֱמֶת אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ וֶועל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אֵיין בְּלוֹיֶע פָאדֶעם, אִיךְ וֶועל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר! אִיךְ וֶועל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ.

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נָאכְנִישְׁט קֵיין 'בַּיִת מָלֵא סְפָרִים', אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶער 'אַבִּיסְל' קֶען אִיךְ יָא, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֵיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט קְלֵיינִיגְקֵייטְן; קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, קוּם אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לֶערְנֶען. אַז מֶען טֵיילְט אַיין דִי סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה. מֶען פְלֶעגְט זֶען מוֹהֲרָא"ש יֶעדְן טָאג נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען ווִי עֶר בְּלַייבְּט זִיצְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען 'שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם' דֶעם טֵייל פוּנֶעם טָאג, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ דַּף גְמָרָא, דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּנוֹסָף וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער. מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אוּן אַז מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אֵיין זַאךְ שְׁלֶעפְּט דֶעם צְוֵוייטְן, צוּם דְרִיטְן וְכוּ', בִּיז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט.

### דֶער טָאג גֵייט אַרִיבֶּער אָן תְּפִלִּין

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶערֶעדְט צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז אַ גוּטֶער אִיד, אַ וואוֹילֶער אִיד, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר לֵייגְט נִישְׁט קֵיין תְּפִלִּין, נִישְׁט בְּמֵזִיד, עֶר ווִיל נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר צוּפְרִי ווִיל עֶר נָאר דָאס עֶרְלֶעדִיגְן אוּן נָאר דָאס עֶרְלֶעדִיגְן, פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער טָאג אַרִיבֶּער אָן תְּפִלִּין, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן ווִינְטֶער וָואס מֶען קֶען נָאר אָנְטוּן תְּפִלִּין בִּיז פִיר אַזֵייגֶער, מֶען רֶעדְט פוּן זוּמֶער, וֶוען מֶען קֶען אָנְטוּן תְּפִלִּין בִּיז אַכְט דְרַייסִיג! מֶען הָאט זֶעכְצְן שָׁעָה אָנְצוּטוּן תְּפִלִּין!

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי, קוּם אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, נִישְׁטָא קֵיין אַרְבֶּעט, נִישְׁטָא קֵיין בִּיזְנֶעס, נִישְׁטָא קֵיין אָפִּיס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר אֵיין זַאךְ: אִיךְ גֵיי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, אִיךְ בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַצְלָחָה.

"אָבֶער אִיךְ דַארְף קוֹדֶם עֶפֶּעס מוֹרָא'דִיג ווִיכְטִיג מְסַדֵּר זַיין, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ גֵיין דַאוֶוענֶען" - טְרַאכְט אַרַיין: וֶוען דוּ וָואלְסְט יֶעצְט גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, דוּ וָואלְט גֶעדַארְפְט א גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט 'אִיךְ דַארְף קוֹדֶם עֶפֶּעס מוֹרָא'דִיג ווִיכְטִיג מְסַדֵּר זַיין'? נֵיין! דוּ וָואלְסְט גֶעלָאפְן דַאוֶוענֶען, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דַיינֶע תְּפִילוֹת; אִיךְ וֵייס פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַארְף נֶעבֶּעךְ יֶעצְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ עֶרְנְסְטֶע אַפֶּעַראצְיֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעטוּמְלְט פוּן דֶעם, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ בִּיזְנֶעס, אַ אָפִּיס מִיט אַרְבֶּעטֶערְס, עֶר דְרֵיידְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן, פְּלוּצְלִינְג אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, עֶר דַארְף לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אוֹיף זַיינֶע רַמַ"ח אֵבָרִים אוּן שָׁסָ"ה גִידִין.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן הַארֶץ:

אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן יְשׁוּעוֹת! דוּ שְׁטֵייסְט אוּן שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶוענֶען?! וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט דַאוֶוענֶען זָאל אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דִי פַּחַד אִיז דָא זֵייעֶר גְרוֹיס, זָאלְן מִיר זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן?

*שְׁאֵלָה:*

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער מַצָּב מִלְחָמָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז יֶעצְט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אִיךְ בֶּעט אָבֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אוֹיךְ נִישְׁט זַיין קֵיין שְׁרֶעק. אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֵיין עַיִן הָרָע, אוּן וֶוען עֶס פְּלַאצְט בָּאמְבֶּעס, עֶס בְּרֶעכְן אוֹיס גְרוֹיסֶע פֵייעֶרְס, עֶס פְלִיעֶן מִילִיטֶערִישֶׁע עֶרָאפְּלַאנֶען, סְפֶּעצִיעֶל אוּם עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוּן אוּם יוֹם טוֹב, אוּן אִין נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע צַייטְן - פִיל אִיךְ זִיךְ ווִי אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ; מַיין גֶעדוּלְד אוּן שִׂמְחָה אִיז הִיבְּשׁ שְׁוַואכֶער, אִיךְ עֶס וֵוייניגֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַפֶּעטִיט, אִיךְ ווִיל זַאכְן וֵוייניגֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ לַחַץ פוּן וָואס עֶס קֶען וַוייטֶער פַּאסִירְן.

דִי נִיסִים אִיז אֵין לְשַׁעֵר, אָבֶער פֶּסַח זֶענֶען גֶעפַאלְן אַסַאךְ בָּאמְבֶּעס; דִי טֶעג אַרוּם לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן שָׁבוּעוֹת צוּפְרִי - הָאט גֶעפִּיפְן עֶטְלִיכֶע סֵיירִינֶען, אוּן אַסַאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בָּאמְבֶּעס. מַיין קְלֵיינֶער אִינְגְל קוּקְט מִיךְ אָן אוּן וֵויינְט, מַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער אִיז נִישְׁט רוּאִיג. אִסְרוּ חַג הָאט גֶעפִּיפְן זִיבְּן מָאל אִין אֵיין שָׁעָה, מִיט שְׁטַארְקֶע בָּאמְבֶּעס; אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין שְׁטָאט.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע ווִי אַמָאל, בִּפְרַט נָאךְ לִיכְט צִינְדְן אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, וָואס דֶעמָאלְט וֶוער אִיךְ זֵייעֶר נֶערְוֶועז.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה, מִיט נֶעגְל וַואסֶער, מִיט אֲנִי מַאֲמִין אוּן מִיט תְּהִלִּים, אָבֶער אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין אַז אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זִיךְ אַוֶועקְצוּצִיעֶן צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, מֶען רֶעדְט אַז דִי מִלְחָמָה וֶועט זִיךְ צִיעֶן פַאר דְרֵיי יָאר רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזּוּק.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. טוּט דִי עֵצָה וָואס דִי פֵייגְל הָאט גֶעטוּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, וואוּ זִי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען - אִיז מֶען אִיר נָאכְגֶעלָאפְן, זִי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְט פְּלֶעצֶער, אָבֶער אִיבֶּעַרָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פַאנְגֶערְס אִיר טְשֶׁעפֶּען, אִיז דִי פֵייגְל אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט וֶועט קֵיינֶער זִיךְ נִישְׁט טְרוֹיעֶן צוּ קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף מִיר'.

נֶעמְט דֶעם תְּהִלִּים אוּן זִינְגְט דִי לִידֶער פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, ווִי עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ (תְּהִלִּים סא, ה): "אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה" אִיךְ טוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דַיינֶע פְלִיגְלֶען; דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן אַלֶע גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען, מֶען הָאט גֶעשָׁאסְן אוֹיף אִים אַלֶע סָארְט בָּאמְבֶּעס, דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם יח, ג): "ה' סַלְעִי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין פֶעלְז, "וּמְצוּדָתִי" אוּן מַיין פֶעסְטוּנְג, "וּמְפַלְטִי" אוּן מַיין רֶעטֶער, "אֵלִי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "צוּרִי" אִיז מַיין פֶעלְז, "אֶחֱסֶה בּוֹ" אִיךְ טוּ זִיךְ בַּיי אִים בַּאשִׁיצְן, "מָגִנִּי" מַיין פַאנְצֶער, "וְקֶרֶן יִשְׁעִי, מִשְׂגַּבִּי" אוּן מַיין שְׁטַארְקֶער בַּאשִׁיצֶער.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג עֶס זָאל שְׁפִּילְן הוֹיךְ פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים אִין שְׁטוּב, בְּעִיקָר נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דָאס וֶועט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער רוּאִיג. אַזוֹי ווִי דִי קוֹלוֹת פוּן דִי עֶרֶעפְּלַאנֶען אוּן בָּאמְבֶּעס - דֶערְשְׁרֶעקְן, אַזוֹי אִיז פַארְקֶערְט, פְרֵיילִיכֶע לִידֶער פוּן אֱמוּנָה - בַּארוּאִיגְן; עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אוּן נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, עֶס גֵייט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, בַּיי אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ אוֹיג פוּן אַ קִינְד רַחֲמָנָא לִצְלָן, בַּיי אֵיינֶעם הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן יֶענֶע מַעֲשֶׂה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל מַאכְן לֵיצָנוּת?! עֶס אִיז דָאךְ אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק! דוּ ווִילְסְט דֶער גִּבּוֹר זָאל קוּמֶען צוּ דִיר אִינְדֶערְהֵיים?!

אִיךְ ווִיל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט פָאר דָא אִין שְׁטֶעטְל, אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת דַארְפְן יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען, שְׁטֵיי אִינְדְרוֹיסְן, אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ קוּמְט נִישְׁט צוּ שִׁישְׁקֶען אוּן שְׁטִיל מַאכְן, מֶען קוּמְט אִין שׁוּל צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַוַדַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ בַּיִת מָלֵא סְפָרִים, אוּן אַ טַלִית שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אוּנְז: "קוּם אִין בֵּית מִדְרָשׁ!" דִי גְּמָרָא זָאגְט (מְנָחוֹת צט:), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זָאגְט: "אֲפִילּוּ לֹא קָרָא אָדָם אֶלָּא קְרִיַת שְׁמַע שַׁחֲרִית וְעַרְבִית, קִיֵּים לֹא יָמוּשׁ", אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּפְרִי אִין שׁוּל אוּן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן קוּמְט בַּיינַאכְט אִין שׁוּל אוּן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אִיז עֶר יוֹצֵא מִיט דֶעם דִי מִצְוָה פוּן (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה", (דִי גְּמָרָא זָאגְט נָאר אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט זָאגְן פַאר עַמֵּי הָאָרֶץ וַוייל זֵיי וֶועלְן זִיךְ צוּכַאפְּן דֶערְצוּ), זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען אִין שׁוּל צוּ שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, מֶען אִיז נִישְׁט סְתַם יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, נָאר דִי מִצְוָה פוּן "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה", וָואס דָאס גֵייט בֶּאֱמֶת אָן יֶעדֶע רֶגַע פוּן טָאג, ווִי דִי גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: בֶּן דָּמָה הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין פֶעטֶער רַבִּי יִשְׁמָעֵאל: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, מֶעג אִיךְ לֶערְנֶען חָכְמַת יְוָנִית?" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה', זוּךְ אוֹיף אַ שָׁעָה וָואס אִיז נִישְׁט טָאג אוּן נִישְׁט נַאכְט, וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט מֶעגְן לֶערְנֶען חָכְמַת יְוָנִית..."

דָאס לֶערְנְט אוּנְז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיס, קוּם אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ! טוּ אָן תְּפִלִּין! הָאסְט נָאכְנִישְׁט קֵיין 'בַּיִת מָלֵא סְפָרִים', דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז דִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ לֵייג אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אִיךְ לֶערְן צוּפְרִי אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל גְּמָרָא אוּן אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת.

ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט רֶעדְט מֶען פוּן זַיין קַאר, טְרָאק, מָאטֶערְסַייקְל, שִׁיף אוּן הֶעלִיקָאפְּטֶער, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, פוּן וָואס מֶען רֶעדְט מֶען? מֶען רֶעדְט: עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ווָאוֹילֶער אִיד, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, עֶר הָאט אַלְץ גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, עֶר הָאט אַלְץ גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, וואוּ אִיז דִי קַאר? וואוּ אִיז דִי טְרָאק? וואוּ אִיז דִי מָאטֶערְסַייקְל? וואוּ אִיז דִי שִׁיף? וואוּ אִיז דִי הֶעלִיקָאפְּטֶער? - עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס נָאר דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ, דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דִי דַּפִּים גְּמָרָא, גֶערֶעדְט אַפָאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען חָשׁוּב.

**קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן אַלְץ בְּלַייבְּן מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיר זָאלְן אָפְּלָאזְן דָאס פִּקְחוּת, ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (בַּמִּדְבָּר טז, ז): "קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט זָאגְן בִּלְשׁוֹן קַשְׁיָא, דָאס אַלֵיינְס אִיז דֶער תֵּרוּץ, דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז גֶעוֶוען? קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה! וַוייל קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ עָצוּם, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט חוּמְרוֹת וְכוּ', וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶ'ע זַאכְן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לֶערְנְט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל קֹרַח תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## אנשי שלומינו אין בית שמש ציען זיך אריין אין נייע בית המדרש

אין די לעצטע יארן האבן זיך אנשי שלומינו אין בית שמש אנגעהויבן זיך צוזאם צו נעמען, און אנגעהויבן פון איינס און א האלב יאר צוריק שמחת תורה תשפ"ג האט זיך איינע פון אנשי שלומינו פארגעשלאגן אוועק צו געבן זיין שטוב מען זאל דאווענען דארט יעדן שבת אלע דריי תפילות, און אזוי איז עס טאקע אנגעגאנגען ביז יעצט ווען יעדן שבת האט מען זיך אוועקגעזעצט אין שטוב פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו.

געלויבט דעם אויבערשטן אז מען איז אויסגעוואקסן דעם פלאץ, און א אינגערמאן מאנשי שלומינו מו"ה משה ארי' קרויס הי"ו האט זיך אונטערגענומען צו שאפן א געהעריגע פערמענאנטע בית המדרש, מען זאל זיך קענען געהעריג אוועקשטעלן, און חפץ ה' בידו הצליח, ער האט געפונען א הערליכע פלאץ אין צענטער פון שטאט, א פלאץ געאייגענט פאר א בית המדרש, **אויף נהר הירדן 25 די רעכטע זייט פון בנין**, און מען האט געשלאסן קאנטראקט, און אזוי גייט עס שוין אן פאר די לעצטע וואכן, ווי מען דאווענט אינאיינעם און מען איז זיך מחזק מיט דעם רבינ'ס עצות.

אנשי שלומינו אין בית שמש האבן באשטעלט אלע מעבל וואס מען דארף פאר א בית המדרש, מען האט באשטעלט אן ארון הקודש, א פרידשידער, טישן און בענקלעך, אנשי שלומינו האבן נישט געוואלטווארטן ביז עס קומט אן, און האבן אריבערגעברענגט פון זייערע שטיבער טישן און בענקלעך מען זאל זיך שוין קענען באנוצן מיטן בית המדרש.

דער בית המדרש אין בית שמש ווערט געפירט דורכן גבאי הר"ר שלמה מינצבערג שליט"א וועלכע זארגט זיך פאר אלע געברויכן פונעם שול, און מאכט זיכער בסייעתא דשמיא אז ווער עס טרעט איבער דעם שוועל זאל שפירן די ווארימקייט און ליבשאפט וואס עס געפונט זיך צווישן אירע ווענט.

דער טעגליכע שיעור אין א דף גמרא וואס גייט שוין אן פאר א לענגערע צייט אין בית שמש אין שטוב פון הר"ר שלמה טעסלער שליט"א וועט אין די קומענדיגע טעג אויך אריבער געפירט ווערן אין בית המדרש, ווי אנשי שלומינו וועלן קענען לערנען מיט הרחבת הדעת.

אנשי שלומינו אין בית שמש לעבן מיט די עצות פון רבי'ן מען קומט זיך צוזאם יעדן ליל שישי וואו מען האלט מיט א שיעור פון ראש ישיבה שליט"א, אבער מען באגנוגט זיך נישט מיט דעם, מען פאלגט טאקע די עצות, יעדע וואך קומען בערך צוואנציג אינגעלייט און בחורים און נעמען טויזנטער גליונות און קונטרסים וואס ווערן געדרוקט אין שטוב פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו, און פארשפרייטן עס אין די לענג און אין די ברייט פון שטאט, אזוי אויך איז מען מהנה די דערנעבנדיגע שטעט ווי ביתר און קוממיות.

מו"ה יצחק ראטה הי"ו פארציילט אז יעדע וואך דרוקט ער אויף זיין מאשין בערך 2500 גליונות וועכענטליך, וואס איז אויסער די בערך 200 עצתו אמונה קונטרסים און די אנדערע גליונות יעדע וואך. ער פארציילט אז זיין מאשין האט שוין געדרוקט איבער איינס און א האלב מיליאן קאפיס פאר הפצה, במשך די לעצטע דריי יאר.

דער בית המדרש וועט דינען ווי א לייכט טורעם פאר'ן גאנצן שטאט, און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועלן אלע וויסן אז עס איז דא א פלאץ וואו מען קען באקומען חיות און האפענונג אין יעדן מצב.

**ואני ברב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך!**



# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א

מנהל תלמודי התורה היכל הקודש ברסלב

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

ר' מרדכי איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות; נאר א דאנק זיין געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין לשם ולתפארת. אזוי אויך דער וועלט בארימטער האטליין 'קול ברסלב', און דער באוואוסטער 'גליון היכל הקודש', וואס האבן שוין צוריקגעברענגט הונדערטער טויזנטער אידן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן איםביישטיין און ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מרדכי היימאוויטש** הי"ו צפת

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **מרדכי ראזנבערגער** הי"ו בורו פארק

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **משה אריה קרויס** הי"ו בית שמש

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## ווי אזוי צו לעבן?

**מען זעט די מיסט איז פול, נעמט מען עס אראפ!!! לייג צו א האנט!!!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,1,10,2,34**

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

כולל היכל הקודש

**התודה והברכה**

א הארציגן דאנק לידידנו היקר

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו

פארן מנדב זיין

**פרנס השבוע – פרשת קרח**

אין דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דעם לימוד התורה פון די לומדי הכולל

בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעם גוטס.





**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



< BreslevCenter.com >